# דער בריוו פון דעם שליח פּוילוס צו די
# גאַלאַטער

1 פּוילוס, אַ שליח, נישט פון מענטשן, נישט דורך אַ
מענטשן, נאָר דורך ישוע המשיחן, און ג־ט דעם
פאָטער, וועלכער האָט אים אויפגעוועקט פון די
2 טויטע, און אַלע ברידער, וואָס זענען מיט מיר,
3 צו די קהלות פון גאַלאַטיען: חסד צו אייך און
שלום פון ג־ט אונזער פאָטער, און פון דעם האַר
4 ישוע המשיח, וועלכער האָט זיך געגעבן פאַר אונזערע
זינד, כדי אונדז אַרויסצוראַטעווען פון דער איצ־
טיקער בייזער וועלט, לויט דעם רצון פון ג־ט און
5 אונזער פאָטער; צו וועמען זאָל זיין כבוד לעולמי
עולמים. אמן.
6 איך וואונדער מיך, וואָס אַזוי געשווינט בייגט
איר זיך אָפּ פון דעם, וועלכער האָט אייך גערופן
אין דעם חסד פונם משיח, צו אַן אַנדערש־אַרטיקער
7 בשורה; וואָס איז נישט קיין אַנדערע, אַ חוץ וואָס
עס געפינען זיך אייניקע (לייט), וואָס באַאומרואיקן
אייך און ווילן פאַרדרייען די גוטע בשורה פון דעם
8 משיח. נאָר אַפילו ווען מיר (אַליין), אָדער אַ
מלאך פון הימל, זאָל אייך אָנזאָגן אַ בשורה אויסער
דער, וואָס מיר האָבן אייך אָנגעזאָגט, זאָל ער זיין
9 אין חרם. אַזוי ווי מיר האָבן פריער געזאָגט, און
איך זאָג עס איצט ווידער: אויב עמיצער זאָגט
אייך אָן אַ בשורה אַ חוץ דער, וואָס איר האָט אָנגע־
10 נומען, זאָל ער זיין אין חרם. וואָרום זוך איך דען
איצט צו געווינען מענטשן, אָדער ג־ט? אָדער זוך
איך צו געפינען חן ביי מענטשן? אויב איך וואָלט